# פרשת במדבר

**בס"ד. שיחת יום א' פ' במדבר, כ"ה אייר ה'תשמ"ז** **הנחה פרטית בלתי מוגה**

**לה"קאנווענשאן" דנשי ובנות חב"ד**

## תורת שלום

ר"ח סיון איז דאך אויסגעטיילט דערמיט וואס דעמאלט איז דער אויבערשטער געזאגט (ווי אראפגעבראכט אין מדרש), אז פארוואס איז דעמולט באשלאסן געווארן בא דעם אויבערשטן אויף צו געבן גלייך נאכדעם די תורה –

זאגט ער אין מדרש דעם טעם, אז בשעת זיי זיינען געגאנגען און געפארן ביז ר"ח סיון, איז נאך זייער אחדות און די פארבונדנקייט ניט געווען אין אן אפענעם אופן, ביז וואנענט אז עס האט אויך געבראכט אמאל צו פארשידענע מיינונגען, און צו פארשינדהייטן,

אבער פון טאג צו טאג

אזוי איז אויך דעמולט געווען, און דעמולט האט זיך דאס אנגעהויבן, אז פון איין מסע, פון איין טאג ארויסגייענדיק פון מצרים, מיט יעדער טאג איז מען געווארן אלץ מער פארבונדן איינער מיטן צווייטן,

און ר"ח סיון שטייט "ויחן" אין תורת אמת, אז דעמולט האבן זיי אלע גערוהט ווי איין און איינציקער מענטש,

און ווי רש"י טייטשט דאס אפ – "כאיש אחד בלב אחד", אז ניט נאר מ'איז זיך צוזאמענגעקומען אלע, נאר מ'איז אויך געווען "בלב אחד" – אז אלע הערצער זיינען פאראייניקט געווארן אין איין און איינציקע גרויסע אידישע הארץ, מיט אידישע הארצקייט,

האט דעמולט דער אויבערשטער געזאגט, אז וויבאלד אז אידן שטייען בלב אחד, אין אן אופן פון א שלימות'דיקן שלום – איז דעמולט ווערט אנטפלעקט אויך פאר דער גאנצער וועלט אז זיי זיינען צוגעפאסט און זיי זיינען ראוי און דערפאר אנטפלעקט ער דעמולט זיין באשלוס אויף צו געבן זיי די תורה, אויף וועלכע עס שטייט "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום".

וואס דערפאר איז דאך **אירע** אנווייזונגען (וואס דערפאר ווערט זי אנגערופן בשם "תורה") זיינען דורכגענומען מיט שלום,

און דער פאלק וואס האט ארויסגעוויזן, אז ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס זיי האבן געפונען זיך אין גלות, און אונטער די איינפלוס פון פארשידענע שטרעבונגען און פון פארשידענע פעלקער, האבן זיי באשלאסן, און אויסגעפירט אין פועל, אז זיי זאלן זיין "כאיש אחד בלב אחד" –

און פירט זיך אזוי אויך, ניט נאר אין זיין רוחניות'דיקן לעבן, נאר אויך אין זיין לעבן וואס איז פארבונדן מיט "ארץ, מיט ערדליכע זאכן – איז דארט אויך ניכר אז דאס ווערט דורכגעפירט מיטן צוועק אויף פאראייניקן זייער אלע אנגעלעגנהייטן און אלע טייל פון א אידישן לעבן – צו איין און איינציקן צוועק,

וואס אין דערויף קומט דאך דער גרעסטער דאנק, ווארום דאס איז פארבונדן מיט דער **אנפירונג** פון דער הויז, וואס הענגט דאך אפ, צום אלעם ערשטן, אן דער "עקרת הבית", אן דער בעה"ב'סטע פון דער הויז,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת במדבר

- דורך דערויף וואס דארט איז ניכר אין יעדער איינצלהייט אז דאס ווערט אנגעפירט דורך אן אמת׳ער בעה״ב׳סטע און וואס זי האט א אידישע הארץ און די תורה איז איר הוראה און אנווייזונג ווי אזוי זי זאל פירן זיך, און דורך דערויף – די אלע בני-בית, די מענטשן וואס אין הויז, ביז אפילו – די אלע **איינצלהייטן** פון דער הויז:

צי זאכן וואס דאס איז פארבונדן מיט די כלי-בית אדער כלי-אכילה אדער אנדערע כלים וכו׳ – מיט דעם איין און אייניקן צוועק – אז דאס זאל זיין צוגעפאסט פאר אזא הויז אויף וועלכע דער אויבערשטער זאגט ״ושכנתי בתוכם״.

און דאס ווערט אויך א הכנה קרובה, אז דאס זאל נאכמערער צוהיילן, אז מ׳זאל אויך זען בפועל, **ובמעשה** בפועל, וויבאלד אז מ׳באוויזט א ביישפיל במעשה, אז א אידישע הויז,

ניט קוקנדיק וואס מ׳געפינט זיך אין גלות צווישן אזויפל פעלקער, און מ׳זעט ווי אזוי אין וועלט איז אויך דא **ווינקלעך**, און ניט נאר ווינקלעך נאר – **גרויסע שטחים**, וואס דארט איז דער **היפך** פון שלום, און היפך פון צדק און יושר,

און ביי איר אין הויז, דורך איר אנפירערשאפט, ווערט דורכגעפירט אין תכלית השלימות ״דרכי׳ דרכי נועם וכל נתיבותי׳ שלום״ – אן **אמת׳ער** שלום, ווארום דאס איז מיוסד און באגרינדעט אויף דעם שלום פון תורה, געגעבן געווארן דורך דעם אויבערשטן, אויף וועלכן תורה זאגט אז ער ווערט אויך אנגערופן מיט נאמען שלום,

דערפאר וואס דאס איז איינע פון די הויפט-זאכן וועלכע דער אויבערשטער וויל אז עס זאל דורכגעפירט ווערן, און ער פארבינדט דערמיט זיין ענין פון ״ושכנתי בתוכם״ בשעת די כלי דערצו איז א שלום׳דיקער לעבן,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.